גליון
# שיחתי
שיעורי הרב
משה יצחק
אויסטערליץ
שליט"א

רו
פרשת וירא תשפ"ד

מכון שיחתי
שיעורי הרב משה יצחק אויסטערליץ שליט"א

## ויטע אשל בבאר שבע

### מנהג פון זיך פארשטעלן אין פורים...

א פרישע טעם אויף א באליבטע מנהג ישראל, וואס מיר האבן בסיעתא דשמיא געזאגט פאראיָאר **ערב פורים**. דעמאלט איז עס געווען א 'דבר בעתו' מצד דעם **זמן**, און יעצט איז עס א 'דבר בעתו' מצד די **פרשה**. עס איז דאך א מנהג ישראל אז פורים פארשטעלט מען זיך. אוודאי איז יעדער מנהג ישראל "תורה היא", וואס דאס מיינט אז עס זענען שייך דערויף נאך און נאך טעמים עד אין שיעור. לכאורה קען מען טרעפן א זייער שיינעם מקור אפצולערנען דעם מנהג פון זיך פארשטעלן פורים דורך א צוזאמשטעל פון צוויי פריערדיגע מאמרים.

דער הייליגער חיד"א זי"ע אין זיין ספר '**נחל אשכול**' אויף די מגילה, ברענגט א קשר צווישן א **מדרש** און א **מאמר**, אז עס איז ממש איין יסוד.

אין **מדרש תלפיות** ווערט אראפגעברענגט – עס איז נישט ממש א 'מדרש' פון די אמוראים, נאר א ליקוט וואס הגה"ק **בעל שבט מוסר** זי"ע האט מלקט געווען, אבער אלעס זענען הייליגע פריערדיגע 'מאמרים' –א דיוק אין א לשון: אברהם אבינו האט געזאגט פאר די מלאכים "**והשענו תחת העץ**". דאסווארט 'עץ' קען אמאל מיינען א שטיק האלץ וואס איז אפגעשניטן, אבער 'אילן' ווערט גענוצט דוקא אויף א בוים וואס איז מחובר לקרקע. פארוואס האט אברהם אבינו גענוצט דעם לשון "והשענו תחת העץ"? עס וואלט לכאורה געווען מער נאטורליך צו זאגן "והשענו תחת האילן", אזוי ווי מען רעדט פון א בוים וואס איז איינגעפלאנצט. ענטפערט דער מדרש תלפיות, אז מען האט געוואלט מרמז זיין: איר וועט דא ביי מיר זיך אנליינען אונטער דעם בוים, און אין דעם זכות וועט המן ווערן אויפגעהאנגען אויף א בוים. וויבאלד ביי המן איז עס נישט געווען קיין 'אילן' וואס איז נאטורליך מחובר לקרקע, נאר עס איז געווען אן 'עץ' וואס איז שוין געווען אפגעשניטן און מען האט עס נאר אריינגעשטעקט אין די ערד, האט די תורה גענוצט דעם לשון "תחת העץ" צו מרמז זיין אויף יענעם **עץ חמישים** פון **המן הרשע**. אזוי שטייט אין מדרש תלפיות. דא זעט מען אז בשעת די מלאכים זענען געווען ביי אברהם, האט מען שוין געמאכט א הכנה אויף די תליה פון המן.

אויף דעם ברענגט דער 'נחל אשכול' אן אנדערן 'מאמר' פון די הייליגע ראשונים, דעם **בעל הרוקח**, ברענגט א רמז: מען האט געעפנט דעם ספר הזכרונות און געליינט פאר אחשורוש אינמיטן די נאכט, "וימצא כתוב אשר הגיד מרדכי". וואס האט מען געטראפן אין דעם ספר הזכרונות? דער ספר הזכרונות איז דאך אויך געליינט געווארן אויבן אין הימל. אויבן אין הימל, ווען מען האט אויפגעמישט דעם ספר הזכרונות, האט עס זיך צוריקגעמישט צו **פרשת וירא**. איינע פון די זכותים וואס זענען דערמאנט געווארן אין הימל איז געווען דער זכות וואס **אברהם אבינו האט מיט גרויס מסירות נפש געגעבן צו עסן פאר די געסט**, און ער האט זיי געזעצט עסן "תחת העץ". האבן די מלאכי מעלה, וואס האבן געעפנט דעם ספר הזכרונות און געזען די מעשה פון אברהם אבינו דארט אין פרשת וירא, געשריגן פארן אייבערשטן: דער צדיק **מרדכי**, וואס איז אן אייניקל פון דעם וואס האט געטון אזא הויכע עבודה בשייכות צו א בוים, זאל מען אים חס ושלום לאזן אויפהענגען אויף א בוים?

וואו איז מרומז אז די מלאכים אין הימל האבן דעמאלט אויפגעמישט דעם זכות פון אברהם אבינו? זאגט דער רוקח: "**וימצא כתוב אשר הגיד מרדכי**". אין די פינף ווערטער, די סופי תיבות פון "**וימצא כתוב אשר**" זענען **א' ב' ר'**, און די ראשי תיבות פון "**הגיד מרדכי**" זענען **ה' מ'**,

וואס דאס שטעלט צוזאמען די אותיות **'אברהם'**. דאס ווייזט אז די מלאכים אין הימל האבן ארויפגעברענגט די זכותים פון אברהם.

האבן מיר דא צוויי מאמרים: דער מאמר פונעם רוקח ברענגט ארויס אז בזכות דעם בוים פון אברהם אבינו האט מען **מרדכי נישט געקענט אויפהענגען אויף א בוים**, און דער מדרש תלפיות ברענגט אז בזכות וואס מען האט געלייגט די מלאכים אונטער דעם בוים, **האט מען המן יא אויפגעהאנגען אויף א בוים.** באמת איז עס תלוי הא בהא, ווייל עס גייט דאך "כשזה קם זה נופל" - ווען מען ראטעוועט **מרדכי** פון דעם בוים, הענגט מען אויף המן אויפן בוים. דאס איז די כוונה פון ביידע מאמרים; איינער וואס ברענגט דעם זכות צו ראטעווען **מרדכי** און איינער וואס ברענגט דעם זכות פון אברהם קעגן **המן**, ביידע גייען מיט איין יסוד, אז דער זכות פון יענע הכנסת אורחים איז דעמאלט בייגעשטאנען. ביז אהער ברענגט דער 'נחל אשכול'.

לויט דעם זאגט זיך בטוב טעם ודעת, דער ענין פון זיך פארשטעלן. וואו איז דער ערשטער מקור וואס מען טרעפט אזא סארט זאך אז מען זאל זיך **"פארשטעלן"**, אז איינער זאל זיך אהערשטעלן אנדערש ווי ער איז באמת? לכאורה איז דער ערשטער מקור ווען עס זענען געקומען **מלאכים** פון הימל אין א פארעם פון **מענטשן**; זיי האבן זיך דאך **פארשטעלט**. בפרט ווי דער **מדרש** לייגט נאך צו מער פרטים, אז זיי זענען געווען פארשטעלט ווי פארשידענע סארט מענטשן, ווי א שיף-קאפיטאן אדער א סוחר. וויבאלד דער מקור פון זיך "פארשטעלן" געפינט זיך דא אין פרשת וירא, און עס ווערט דערמאנט אז דער ספר הזכרונות האט דארט דערמאנט די סעודה פון די "פארשטעלטע מענטשן", האט דאס טאקע גורם געווען די **הצלה פון מרדכי** און די **מפלה פון המן**. ביי אידישע קינדער, בשעת מען זיצט ביי די סעודת פורים און מען וויל ארויפברענגען פאר וועמען מיר האבן צו פארדאנקען דעם יום טוב פורים, דערמאנט זיך יעדער איינער אין די "פארשטעלטע מענטשן", די "שלשה אנשים". די דריי פארשטעלטע מענטשן וואס מען האט געזעצט "תחת העץ", זיי האבן אונז געגעבן דעם לעכטיגן זיסן יום טוב. איז דער רמז פון זיך פארשטעלן זייער שטארק פארבונדן מיט דעם מקור פון די ישועה. מען האט פארשטעלט די מענטשן ביי אברהם אבינו "תחת העץ", ווי עס קומט ארויס פונעם **רוקח** און פונעם **מדרש תלפיות.**

## אלה מועדי ה' מקראי קודש...

מיט דעם וואס מען דערמאנט דעם ענין פון יום טוב פורים, וואס דער מקור הישועה איז געווען דא, איז אפשר כדאי נאכאמאל איבערצוחזרן אן ענין וואס מען האט שוין אסאך מאל דערמאנט אין פרשת וירא, און מען קען אלעמאל מוסיף זיין נאך און נאך התבוננות דערין. דער **חודש חשון** איז דאך אויבנאויף דער מערסט פשוט'ער חודש וואס האט נישט קיין שום יום טוב. אבער לכבוד דעם זענען די **פרשיות** אין חודש חשון גאר לעבעדיג, דארט איז שוין איינמאל **יום טוב**. במיוחד אין פרשת וירא, דארט איז זייער שטארק בולט דער ריבוי פון ימים טובים וואס מען באגעגנט אין די פרשה, הגם אז ווען מען גייט אויף אן אופן פון "רמז". קען מען מסתמא אין יעדע פרשה טרעפן "רמזים" אויף אלע ימים טובים, אבער אין וירא איז עס אויף א גאר בולט'דיגן אופן, אז אפילו פשוט'ע מענטשן וואס זענען נישט צוגעוואוינט צו טיפע רמזים וועלן אויך מודה זיין אז מען זעט דא ממש שטארקע ראיות און כוחות אויף די השפעה פון יעדן יום טוב. מיר וועלן שנעל אדורכלויפן די פינף ימים טובים דאורייתא וואס געפינען זיך דא.

**ראש השנה** איז דאך די קריאה אין פרשת וירא. עס ווערט דערציילט (דברי יחזקאל החדש) פונעם **הייליגן שינאווער רב** זי"ע, אז ער האט אמאל פרשת וירא ביים טיש געמאכט א גאנצע שמועס פון די ענינים פון שופר. דער **"דרכי תשובה"** זי"ע איז דארט געווען און ער האט מרגיש געווען אז זיין כוונה איז געווען מעורר צו זיין די השפעות פון ראש השנה. בכלל איז דאך ראש השנה דער זמן פון פקידת עקרות, און דער הייליגער **אפטער רב זי"ע** אין **אוהב ישראל** פרשת ויצא דערמאנט דארט לגבי פרשת וירא, אז יעדע יאר ווען מען לייגט "וה' פקד את שרה" אין פרשת וירא, **עפנט זיך אויף א שער פון השפעות טובות פון די אבות הקדושים ממשיך צו זיין פאר אידישע קינדער דורות ישרים ומבורכים.**

לויט די מערהייט פון די מדרשים איז די עקידה געווען בעצם היום **יום כיפור**, און מען זאגט צוליב דעם א ספעציעלע תפילה יום כיפור ביי מנחה. עס זענען דא וואס זאגן לויט דעם א טעם אויף די חשיבות פונעם טאג פון **שלש עשרה מדות**, וואס אין א געוועהנליכע יאר איז עס צוויי טעג פאר יום כיפור; אז דאס נעמט זיך פון דעם ווייל דאס **"וישכם אברהם בבקר"** ביי די עקידה איז געווען יום שלש עשרה מדות, לויט דעם חשבון אז "ביום השלישי" איז געווען יום כיפור. אויב אזוי איז צוויי טעג פריער געווען "וישכם אברהם בבקר", און פון דעם נעמט זיך דער מנהג אז יום שלש עשרה מדות **שטייט מען אויף פארטאגס** מעורר רחמים צו זיין און זאגן סליחות.

**יום טוב סוכות** איז דאך מרומז אין "והשענו תחת העץ", לויט געוויסע מדרשים איז עס בעצם געווען די זמן פון סוכות. לויט אנדערע מדרשים האבן מיר זוכה געווען צו באקומען "יום טוב סוכות" אין דעם זכות וואס אברהם אבינו האט געלייגט די מלאכים אונטערן שאטן פון די ביימער. דער הייליגער **עטרת צבי** פון **זידיטשוב** זי"ע האט מרמז געווען בדרך גימטריא, אז אין די סעודה וואס אברהם אבינו האט געגעבן פאר די מלאכים זענען מרומז אלע זיבן אושפיזין אויף א העכערן אופן, ווי דער עטרת צבי ווייזט עס ארויס.

**פסח** איז דאך ממש אפענע ווערטער מיט די **"מצות ועוגות"**, ובפרט לויט די

גמרא אז עס איז געווען פסח, גייען דאך אלע חלקים פון די פרשה ארום דעם יום טוב פסח. עס איז כדאי צו דערמאנען אז די מעשה פון אבימלך מלך גרר, "ויבא אלקים אל אבימלך בחלום הלילה", איז אויך לויט געוויסע מדרשים געווען פסח, ווי מ'זאגט אין די הגדה דנת מלך גרר בחלום הלילה.

און **שבועות** איז דאך אויך פשוט לויט דעם באקאנטן מדרש – אין די גמרא איז עס נאר 'מרומז' אבער אין מדרש שטייט עס מער 'בפירוש' – אז דורך דעם גאנצן זכות פון די מלאכים וואס זענען געקומען צו אברהם אבינו, האט משה רבינו געקענט אפשלאגן זייער טענה פון "תנה הודך על השמים" אז די תורה זאל חלילה בלייבן אויבן. ווייל זיי האבן געגעסן ביי אברהם אבינו בשר בחלב (לויט דעם מדרש אין תהלים שוחר טוב), איז דאך דאס גאנצע קומען אהער געווען אלס א הכנה אז אידן זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין די תורה אינעם **לעכטיגן יום טוב שבועות**.

האבן מיר דא די ימים טובים דאורייתא וואס זענען ממש אפן ארויס אין פרשת וירא.

## כמו שתיקנו לנו רבותינו ז"ל

עס זענען אויך דא די דרבנן'דיגע ימים טובים. דער גאנצער **יום טוב חנוכה** טרעפט מען טאקע נאר ברמז, אבער דער הייליגער **מאור עינים** זאגט ארויס אזעלכע אפענע דיבורים; בשעת אברהם אבינו איז געגאנגען צו די עקידה און געזאגט "**ואני והנער נלכה עד כה**", איז ער געגאנגען מתפלל זיין אויף די הצלחה פון מתתיהו כהן גדול. [עס איז צוגעצייכנט אין די לוחות אז די וואך איז געווען די יארצייט פון מתתיהו כהן גדול, יום ט"ו חשון,] און אברהם האט מתפלל געווען אויף דעם **כ"ה** כסלו אז מען זאל מצליח זיין. די תפילה אויף די הצלחה פונעם קאמף פון די חשמונאים געפינט זיך אין פרשת וירא.

## צו חמשה עשר בשבט וועלן מיר שוין צוריקקומען.

**יום טוב פורים** האט מען שוין געשמועסט, אז דאס גאנצע זיך פארשטעלן פורים איז א זכר פון "**תחת העץ**" וואס האט ממשיך געווען די תליה פון המן על העץ. חוץ מזה איז דא אויך א גאנץ נגלה'דיגע ענין פון פורים אין פרשת וירא. מען זעט אין די פוסקים וואס רעדן איבער די הארבקייט אז אפילו מען איז מקיים "חייב איניש לבסומי בפוריא", דארף מען אכטונג געבן עס זאל נישט צוקומען צו א ווייטערע דרגה פון שכרות, און זיי נוצן אלס דוגמא די שכרות פון לוט. כאטש די שכרות פון לוט איז געווען העכערע זאכן וואס איז צוגעפירט געווארן פון הימל כדי אראפצוברענגען הויכע נשמות, זעט מען דאך אין פשטות אז שכרות טאר נישט זיין אויף א צו שטארקן אופן. די דוגמא פון פרשת וירא דינט אלס **הדרכה** און **הנהגה** פארן צוגאנג צו **שכרות** אינעם **יום טוב פורים**.

דעם ענין פון **ל"ג בעומר** זעט מען אויך דא. דער מנהג פון א "**קשת**" האט א מקור, וויבאלד ישמעאל איז געווען א "רובה **קשת**". פריער שטייט אויך דער לשון "הרחק כמטחוי **קשת**", וואס בדרך מליצה איז דער אויסדרוק געווארן א מושג וואס ברענגט ארויס א שטארקע הרחקה. מען דארף זיך דערווייטערן פון יעדע זאך וואס


# זיבן מינוט טעגליך.
# און דער גאנצער טאג האט אן אנדערן טעם.

**זייט צווישן די הונדערטער וואס דערקוויקן זיך טעגליך מיט א טעם פון תורה.**

דער **זיבן־מינוטיגער שיעור** פון דעם מגיד שיעור **הרב ר' משה יצחק אויסטערליץ שליט"א – בענינא דיומא, על הפרשה ועל הזמן.** קורץ, קלאר און געשמאק – א ווארט תורה וואס דערקוויקט דעם נפש.

רופט אריין קול שיחתי און דריקט 1




קול שיחתי

אמעריקע 605-477-5551 | ארץ ישראל 073-388-6653 | אייראפע 333-070-6593

קען צוברענגען צו א חשש מכשול, בפרט פון די היינטיגע כלים, און מען נוצט דעם לשון "**כמטחוי קשת**". דאס פאסט טאקע צו ל"ג בעומר, ווען דער הייליגער תנא **רבי שמעון בר יוחאי** האט אזוי שטארק געארבעט און האט דעם כח פון טהרה צו רייניגן אידישע קינדער; מען נוצט א קשת אין זיין טאג צו דערמאנען ווי ווייט מען דארף זיך דערווייטערן פון יעדע שלעכטע זאך, "הרחק כמטחוי קשת".

דער ענין פון **חמשה עשר באב** ליגט אין די ווערטער "ויבקע עצי עולה". מען האט דאך געמאכט א שמחה ווען מען האט געענדיגט די עבודה פון האקן האלץ פאר די מערכה, דעם טאג פון "תבר מגל".

באמת ליגט אין "ויבקע עצי עולה" אויך א רמז אויף דעם יום טוב פון **שביעי של פסח**, ווי דער מדרש זאגט אז אין שכר פון "**ויבקע** עצי עולה" האט מען זוכה געווען צו "**ויבקעו** המים". אפילו דער ענין פון **תשעה באב** ווערט געברענגט אין די מדרשים, אז דאס גאנצע איבערדרייען סדום – וואס אברהם אבינו האט צוגעקוקט און געזען "והנה עלה קיטור הארץ כקיטור הכבשן" – איז געווען אן ענין פון פאראויסזען דעם ביטערן חורבן בית המקדש. עס איז ממש אין יעדן ענין פון אלע זמנים פונעם יאר דא אזעלכע שטארקע "גילויים" און "חיות" וואס מען קען שעפן פון די פסוקים אין **פרשת וירא**.

## "פירות טיש" פון אברהם אבינו...

וועלן מיר צוריקגיין צום ענין פון **חמשה עשר בשבט**, וואס איז אויך אן אפענער רמז אין די פרשה, און מען קען עס אויך צונעמען אין חלק הפשט. אברהם אבינו האט געגעבן א סעודה פאר די מלאכים, און די תורה רעכנט אויס אלע פרטי פרטים וואס ער האט דארט צוגעשטעלט. לכאורה קען מען פרעגן: עס איז דאך די דרך העולם אז נאכן ענדיגן א סעודה עסט מען פירות אלס קינוח סעודה, פארוואס זעט מען נישט ביי די סעודה פון אברהם אבינו אז ער זאל האבן געגעבן פירות? צי **רויע פרוכט** אדער **קאמפאט**, עס ווערט גארנישט דערמאנט איבער פירות ביי דעם ערשטן חלק פון די פרשה ביי די סעודה פון אברהם אבינו.

מ'קען אפשר זאגן אז עס איז געווען "פסח כחום היום". אין אמאליגע צייטן זענען נישט געווען קיין פרידזשידערס, און מען האט נאר געהאט פירות לויט די סעזאן פונעם יאר; קען זיין אז אין יענע צייט זענען די פירות נאכנישט ארויסגעוואקסן פונעם פרישן זמן. אבער לכאורה איז עס מער בולט ווען מען רעדט וועגן דעם חלק צי אברהם אבינו האט יא געגעבן פירות אדער נישט, אז מען קוקט שפעטער אין די פרשה, נאך די מעשה פון צוריקקומען פון אבימלך מלך גרר, שטייט: "וַיִּטַּע אֵשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע". דארט זעט מען א גאנצן עסק פון אברהם אבינו'ס טיילן פירות. מען זעט אז אברהם אבינו האט געהאט א ספעציעלן ענין, א **כוונה** און א **השפעה** מיט דעם וואס ער האט **געטיילט פירות פארן עולם**.

קודם דער חלק הפשט: רש"י ברענגט א מחלוקת וואס דער טייטש פון "אשל" איז. איך האב דערווייל נישט געזען ווער עס זאל זיך שטעלן אויף דעם -אבער רש"י ברענגט די מחלוקת בשם **רב ושמואל**. דער מקור אין די גמרא איז אין מסכת סוטה, און דארט שטייט אז **רבי יהודה** און **רבי נחמיה** קריגן זיך דערויף; די זעלבע זאך שטייט אין מדרש רבה. לכאורה האט רש"י געהאט אן אנדערע גירסא וואו עס איז געשטאנען אז די וואס קריגן זיך אין דעם ענין זענען **רב ושמואל**. די מחלוקת איז צי "**אשל**" מיינט א **פונדק** (א גאסט הויז), אדער אן אשל מיינט א **פרדס** (א וויינגארטן), א פלאץ וואו מען האט געהאט **אלע מיני פירות**. לויט די שיטה אז עס מיינט א פרדס, האט אברהם אבינו זיכער געהאט א גאר גרויסן אויסוואל פון אלע מיני פירות וואס ער פלעגט צושטעלן פאר די געסט.

דער חידוש איז, אז אפילו למאן דאמר "פונדק" - וואס דאס ווארט פונדק האט דאך גארנישט צו טון מיט פרוכט, און לויט דעם מדרש לערנט מען אז פונדק מיינט אז ער האט געגעבן אנדערע סארט מאכלים - דאך האלט רש"י אין חומש (לויט עפעס וואס שטייט נישט אין די גמרא און נישט אין מדרש) אז אין דעם פונדק זענען אויך געווען **כל מיני פירות**. מען זעט אז רש"י גייט מיט א שטארקייט אז ביי אברהם אבינו איז זיכער געווען א שפע פון פירות. מען דארף נאר וויסן צי די תורה זאגט עס ארויס מיט דעם ווארט "אשל" ווייל דאס ווארט **טייטשט** א **פרדס**, אדער טייטשט אשל א פונדק, און אינעם פונדק זענען געווען **כל מיני פירות**.

די מפרשים שטעלן זיך: בשלמא אויב עס מיינט א "פרדס", פארשטיי איך אז עס מיינט "פירות", ווייל א גארטן פון ביימער איז געמאכט פאר פירות. אבער אויב עס מיינט א "פונדק", פארוואס צווינגט רש"י צוצולייגן אז עס זענען אויך געווען "פרוכט"? אויב עס איז געווען א פונדק, קען מען דאך זאגן אז עס זענען געווען אלע אנדערע מאכלים, לאו דווקא פירות.

דער הייליגער **מהרש"א** אויפן פלאץ אין מסכת סוטה זאגט, אז רש"י האט געהאלטן אז "ויטע" טייטש איינגעפלאנצט. כאטש רש"י ברענגט אז מען קען נוצן דעם לשון "ויטע" אויך אויף א געצעלט, אבער וויבאלד מען קען זיך האלטן צום שורש פון "נטיעה", האט רש"י זיך געוואלט האלטן דערצו. דערפאר האט רש"י אנגענומען מיט א שטארקייט אז זיכער האט זיך געטון ביי אברהם אבינו א שפע פון פירות; מען דארף נאר וויסן מיט וועלכן לשון די תורה ברענגט עס ארויס, צי דורך ביימער פון פירות, צי דורך א פונדק וואו עס זענען געלעגן פירות.

עס זענען דא וואס זאגן, אז אויב סך הכל מיינט אלעס פירות, נאר עס זענען דא צוויי וועגן - צי דורך א פרדס צי דורך א פונדק - קען מען עס לכאורה זייער גוט אויסגלייכן און זאגן אז "לא פליגי" (זיי קריגן זיך נישט). אזוי שרייבט דער "**עיון יעקב**" אויפן "**עין יעקב**". אפשר מיט [דעם ווערט מען אויך זען אז עס איז שווער

צו וויסן פונקטליך וואס די מציאות איז געווען אין די אמאליגע צייטן לגבי האבן פרוכט אין ווינטער. אבער וויבאלד דער מנהג פון עסן חמשה עשר פירות איז א מנהג קדום, און לויטן לוח פאלט חמשה עשר "אלעמאל" אויס אין "ווינטער", זעט מען אז מען האט געהאט די מעגליכקייט.]

קען מען זאגן אזוי: אין די זומער חדשים האט אברהם אבינו אויפגעהאלטן די געסט אין א פרדס, אין א גארטן, אזוי ווי "בחצר גנת ביתן", און דעמאלטס האט מען געקענט האבן **פרישע פירות** גלייך פונעם **בוים**. אין די ווינטער חדשים, ווען עס איז שווער צו זיצן אינדרויסן, האט אברהם אבינו ארייגעברענגט דעם עולם אינעווייניג אין א פונדק, און דעמאלטס האט ער אויך געגעבן פירות; דאס זענען געווען פירות וואס זענען געווען אוועקגעלייגט מיט די פאטענטן וויאזוי מען לייגט אוועק פירות פון דעם פאריריגן סעזאן.

ממילא קומט אויס אז אלעמאל זענען געווען פירות ביי אברהם אבינו: **זומער** איז געווען א **פרדס מיט פירות**, און **ווינטער** איז געווען א **פונדק מיט פירות**. אויב אזוי דארף מען דאך פארשטיין: אויב פירות האבן ביי אברהם אבינו פארנומען אזא גרויסן פלאץ, פארוואס זעט מען נישט די וואך ביי די מעשה פון די מלאכים אז ער זאל זיי אויך געבן פירות? עס קען זיין אז מען קען ענטפערן צוויי פשוט'ע תירוצים.

איין תירוץ קען זיין פשוט לויטן סדר המקראות: כאטש עס איז נישט מוכרח לויט אלע מדרשים אז די מעשה פון אבימלך איז געווען שפעטער, אבער לויטן סדר הפסוקים זעט מען נאכנישט דא ביים אנהייב פרשה אין **אלוני ממרא** אז ער זאל האבן אן **אשל** אדער ביימער. עס שטייט נאר "ויטע אשל" ווען ער איז געווען אין "**באר שבע**". עס קען טאקע זיין אז אין **חברון** איז נישט געווען קיין בוים אין אברהם אבינו'ס פלאץ, און די השפעה פון פירות איז געווען נאר אין באר שבע. נישט אז מען זאל מיינען אז אין חברון קענען נישט וואקסן קיין ביימער - ווי רש"י ברענגט אין פרשת שלח אז אפילו חברון, וואס איז די "טרשין" (שטיינערדיגע פלאץ) פון ארץ ישראל, איז זיבן מאל בעסער פון צוען מצרים - אבער מען זעט נישט אין די תורה קיין גילוי אז אין חברון זאל אברהם אבינו אויך האבן איינגעפלאנצט ביימער. ממילא קען זיין אז דארט זענען נישט געווען קיין פירות, און דער אשל איז נאר געווען אין באר שבע אין אן אנדערע תקופה. דאס איז איין אופן וויאזוי מען קען עס פשוט זאגן.

א צווייטער אופן קען זיין אזוי: לעולם האט ער יא געגעבן פירות, ווייל אויב דאס איז דער דרך פון א סעודה, האט אברהם אבינו מסתמא אויך געגעבן פירות. נאר וויבאלד די תורה וויל אונטערשטרייכן די "מסירות נפש" פון אברהם אבינו, ווי ער האט זיך מטריח געווען פאר די אורחים מיט אלע כוחות, איז דאס געבן פירות - סיי פונעם בוים און סיי פונעם פונדק וואו עס איז אוועקגעלייגט - נישט קיין גרויסער חידוש און נישט קיין טרחא. עס קען זיין זייער פשוט, אז די תורה דארף נישט שרייבן אלע פרטים וואס זענען געווען ביי די סעודה, נאר זאכן וואס ברענגען ארויס דעם שבח פון אברהם אבינו; פירות איז נישט קיין שבח לגבי דעם יעצטיגן מצב, ווייל עס קאסט נישט קיין טרחא.

## אברהם אבינו לייגט שלאפן די געסט...

עס איז אבער דא א מורא'דיג ווארט, א הייליג חסידיש ווארט, וואס לערנט פשט וויאזוי מען זאל צוזאמשטעלן די צוויי מאמרים צי אשל מיינט א פונדק צי א פרדס. עס ענטפערט אויך פארוואס מען זעט נישט ביים אנהייב פרשה אז אברהם אבינו זאל געבן פירות פאר די מלאכים, און מען זעט אז ערשט שפעטער, נאך די מעשה פון אבימלך, האט זיך אנגעהויבן א נייע מין עבודה פון טיילן פירות. וואס ליגט אונטער דעם "ויטע אשל בבאר שבע"? דער "**ערוגת הבושם**" האט א מורא'דיגן מהלך אפצולערנען די שיטות פון פונדק און פרדס.

זאגט ער אברהם אבינו האט שוין יארן לאנג עוסק געווען אינעם ענין פון א פונדק, און דער חלק פון פונדק איז זיכער נישט געווען קיין חידוש אז די תורה זאל עס עקסטער ארויסזאגן יעצט אין באר שבע. אבער דא אינצווישן איז געווען די גאנצע מעשה מיט אבימלך, וואו דער פסוק זאגט: "עַל אֹדוֹת בְּאֵר הַמַּיִם אֲשֶׁר גָּזְלוּ עַבְדֵי אֲבִימֶלֶךְ". וואס איז די טיפקייט פון דעם? מען זעט אין אלע ספרים הקדושים אז "**עבדי אבימלך**" מיינט די שלעכטע כוחות, דעם יצר הרע און די התגברות הקליפות. זיי קומען נעבעך צו די "**באר המים**", צו די אלע עבודות הקדושה וואס די עבדי אברהם - די עובדי ה' - פרובירן צו דינען דעם אייבערשטן, און די עבדי אבימלך ווילן חס ושלום שטערן, גורם זיין בלבול המחשבות און אנדערע שוועריגקייטן. ווען אברהם אבינו איז צוריקגעקומען פון פלשתים און ער האט **קענען געלערנט די התגברות הקליפות פון די עבדי אבימלך** וואס ווילן צונעמען די כוחות הקדושה, האט ער אנגעהויבן אריינלייגן **שטערקערע כוחות כדי מען זאל זיך יא קענען האלטן בקדושה** און די עבדי אבימלך זאלן נישט האבן קיין שליטה. וואו ליגט דער עיקר שלימות הקדושה ווען מען וויל זיך אפהיטן פון די קליפות? דאס ווענדט זיך אין וויאזוי מען פראוועט אפ די נעכט ווי עס דארף צו זיין: סיי דער חלק פון עוסק זיין בתורה בלילה - ווי דער **רמב"ם** שרייבט אז מען איז זוכה צו "כתרה של תורה" דוקא ווען מען לערנט ביינאכט - און בעיקר וויאזוי מען גייט שלאפן ביינאכט, צו **שלאפן ווי אן ערליכער איד**.

וויבאלד אברהם אבינו האט יעצט געוואלט אריינלייגן א נייע עבודה אין דעם ענין, אז א מענטש זאל גיין שלאפן ווי אן ערליכער איד, איז כאטש די פונדק איז שוין אייביג געווען - ער האט דאך אייביג געהאט א גאסט-הויז - אבער יעצט האט זיך אנגעהויבן א "נייע עבודה" אין דעם פונדק. ער פלעגט זיך אפגעבן מיט די געסט נישט בלויז זיי צו צושטעלן אן ארט וואו צו שלאפן און אלע נויטיגע צוגעהערן, נאר מען האט יעצט אנגעהויבן צו מדריך

זיין די חשוב'ע אורחים **וויאזוי מען גייט שלאפן אויף א קדושה'דיגע אופן**, כדי די "עבדי אבימלך" זאלן חלילה נישט קענען פוגם זיין אדער גורם זיין קיין שלעכטס, נאר מען זאל קענען זיין אמת'דיג ערליך און אפגעהיטן.

## טראכטן און איבערטראכטן "חידושי תורה"

וואס איז טאקע די עצה צו קענען גיין שלאפן און אויפשטיין ווי אן ערליכער איד, און דורך דעם זיין **דעם גאנצן טאג מיט א התקרבות צום אייבערשטן** און קענען דינען דעם באשעפער מיט תורה ותפילה ווי עס דארף צו זיין? אויף דעם זאגט די גמרא אז מען זאל זיך "אנזעטיגן" מיט "דברי תורה" און אזוי גיין שלאפן: "כל המשביע עצמו מדברי תורה ולן, אין מבשרין אותו בשורות רעות". דער "ערוגת הבושם" צונעמט דעם ענין, אז דאס גיין שלאפן מיט דברי תורה איז כדי אז די מחשבה פון א איד זאל ביים שלאפן גיין ליגן אין גוטע און הייליגע זאכן. דאס איז גאר א וויכטיגע זאך, ווייל די טבע פון מחשבה איז אז זי שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ. עס איז נישט שייך צו זאגן "איך גיי פשוט נישט טראכטן קיין שלעכטס", ווייל דאס אליין מאכט נאכנישט די מחשבה ריין פון א חסרון; דער קאפ פליט און טראכט פון זיך אליין. די איינציגסטע וועג צו פארזיכערן אז די מחשבה זאל זיין גוט, איז דורך טראכטן "יא" גוט. דאס איז אנדערש ווי ביי א **מעשה** א **פעולה**; ביי א מעשה קען מען זאגן אז אויב מען טוט 'נישט' קיין שלעכטס איז מען אפגעהיטן, אפילו אויב מען זיצט ליידיג. מה שאין כן ביי מחשבה, קען מען זיך נישט באגענוגען מיט'ן "נישט טראכטן" וואס מען דארף נישט, נאר מען מוז גיין מיט א פעולה פון "קום ועשה" - זיך אריינלייגן און אנפילן דעם קאפ דייקא מיט **קדושה'דיגע** און **תורה'דיגע מחשבות**.

כדי צו צוגעוואוינען דעם קאפ צו טראכטן פון תורה, דארף מען אוודאי לערנען פארן שלאפן, אבער מען זאל פרובירן צו לערנען אזעלכע זאכן וואס מאכן דעם מענטש טראכטן און איבערטראכטן. אדער זאל מען אליין פרובירן מחדש צו זיין חידושים וואס דאס פארנעמט דעם מוח און מאכט דעם קאפ ארבעטן אהין און אהער. און אפילו אויב מען קען נישט אליין מחדש זיין, זאל מען הערן אדער לערנען חידושים, אזעלכע סארט זאכן וואס ציען אריין דעם קאפ אין זיך. דאס איז די בעסטע עצה צו גיין שלאפן ווי אן ערליכער איד, ווייל אזוי וועט דער מוח זיין אנגעפילט מיט מחשבות פון תורה און חידושי תורה.

אברהם אבינו האט געוואלט אוועקשטעלן זיין פונדק אויף א נייע, העכערע און קדושה'דיגע דרגה. האט אברהם אבינו געזאגט: א פונדק פאר זיך איז נישט גענוג. וויאזוי וועט מען גיין שלאפן? וואס וועט מען טראכטן ביים איינשלאפן? מען מוז צום פונדק אויך צוגעבן א **"פרדס"**; ביידע שיטות דארפן גיין אינאיינעם. וואס מיינט פרדס? פשוטו כמשמעו מיינט עס פירות, אבער עס איז דאך ידוע אז **פרד"ס** איז די ראשי תיבות פון **פשט**, **רמז**, **דרוש**, **און סוד**. מען דארף אנהייבן צו גיין שלאפן מיט'ן טראכטן חידושים. אין וועלכע חלק התורה? עס איז נישט קיין חילוק; יעדער לויט וואס עס ציט אים מער און וואו ער האט א שטערקערע התקשרות - צי אין פשט, רמז, דרוש אדער סוד.

דער "ערוגת הבושם" זאגט א מורא'דיגע אינטערעסאנטע חידוש: אברהם אבינו פלעגט גיין צו די געסט יעדע נאכט פארן שלאפן און יעדן איינעם געגעבן א חידוש, זאגנדיג: "נעם עס מיט מיט דיר אין בעט אריין". ער האט **צוגעפאסט דעם חידוש פאר יעדן גאסט לויט זיין דרגה**; פאר איינעם א **פשט-חידוש**, און פאר א צווייטן וואס האט מער געצויגן צו קבלה, א **סוד-חידוש**, און אזוי אויך אין **רמז** און **דרוש**. דאס איז פשט אין רש"י אז ער האט געברענגט "פירות" פאר די אורחים - ער האט זיי געגעבן דעם פרד"ס (פשט, רמז, דרוש, סוד). ער האט זיי געזאגט: **"הער דעם חידוש, גיי דערמיט אין בעט, טראכט עס איבער, און אזוי וועסטו איינשלאפן"**. דאס וועט זיין אן אמת'ע, ריכטיגע שלאף, וואו די "עבדי אבימלך" וועלן חלילה נישט קענען גוזל זיין.

עס איז מרומז אין פסוק אז די נייע עבודה פון דעם פונדק און די פירות איז געווען א וועג וויאזוי צו לייגן דעם עולם שלאפן מיט שיינע חידושים. דער פסוק זאגט: **"ויטע אשל בבאר שבע"**. אוודאי איז דאס א נאמען פון א פלאץ, אבער אין דעם נאמען איז אויך מרומז דאס וואס די גמרא זאגט איבער וויאזוי מען דארף גיין שלאפן. די גמרא זאגט מען זאל גיין שלאפן אויף אן אופן פון **"שבע"** - "**שביע** עצמו מדברי תורה". "**באר**" איז די ראשי תיבות פון "**בידך אפקיד רוחי**". ווען א איד גייט שלאפן און זאגט **"בידך אפקיד רוחי"** (באר), דארף ער זיין "שבע" - זאט מיט דברי תורה. כדי דאס צו קענען באוויזן, דארף מען האבן א פונדק וואס פארמאגט אויך א "פרדס" וואס פילט אן די מחשבות מיט תורה'דיגע זאכן, און דורך דעם טראכטן וועט דער קאפ איינשלאפן אויף די ריכטיגע אופן. ביז אהער איז דער מורא'דיגער ענין וואס דער "ערוגת הבושם" ברענגט ארויס.

מען האט דאס אלעמאל געזען ביי ערליכע און חסידישע אידן, אז מען האט זיך משתדל געווען אז דייקא פארן שלאפן זאל זיך דער **קאפ אנפילן מיט הייליגע און קדושה'דיגע זאכן**. היינט ווען עס זענען דא אלע טעכנאלאגישע כלים און מען קען הערן זאכן אויפן טעלעפאן, דארפן די זאכן וואס מען הערט ביים "גיין שלאפן" זיין פי כמה אויסגעשטעלט צו גורם זיין אז די מחשבה זאל זיך דרייען אין הייליגע, תורה'דיגע ענינים. אזוי גייט מען אין די וועגן פון אברהם אבינו, וואס האט אויסגעלערנט אז דער **פונדק** מוז זיין צוזאמען מיט דעם **פרדס**.

## אוועקשטעלן די "מחשבות" ריכטיג...

דער ענין וואס דער "ערוגת הבושם" דערמאנט, אז ביי מחשבה איז נישט גענוג נאר "נישט טראכטן" שלעכטס, נאר מען מוז משתדל זיין "יא" צו טראכטן גוטס ווייל די מחשבה לויפט כסדר, ווערט זייער שיין און זיס אפגעטייטשט אין ספר **"תפארת עוזיאל"** אויף **פרשת וילך**. דער טייטש איז אויף די הפטורה פון א תענית ציבור, אבער עס איז געדרוקט אין "תפארת עוזיאל" ביי פרשת וילך. [מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין אין דעם שמועס צי די הפטורה פון א תענית ציבור קען אמאל געזאגט ווערן אין שבת פרשת וילך, עס איז פשוט א מראה מקום וואו אין ספר דער ווארט

שטייט].

זאגט דער הייליגער תפארת עוזיאל: דער פסוק זאגט, "יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ וְאִישׁ אָוֶן מַחְשְׁבֹתָיו וְיָשֹׁב אֶל ה' וִירַחֲמֵהוּ". און נאכדעם זאגט דער פסוק, "כִּי לֹא מַחְשְׁבוֹתַי מַחְשְׁבוֹתֵיכֶם וְלֹא דַרְכֵיכֶם דְּרָכָי". ס'איז דא דא צוויי דיוקים. ווען עס קומט צו זאגן אז מען זאל אפלאזן דעם "וועג", זאגט דער נביא איין זאך, "סור מרע": "יעזוב רשע דרכו", לאז אפ דיין וועג; דער נביא זאגט אבער נישט דארט "און קום צוריק צום אייבערשטן". אבער ווען עס קומט צו רעדן פון איבערלאזן "שלעכטע מחשבות", דארטן זאגט דער נביאביידע זאכן: "ואיש און מחשבותיו", ער זאל אוועקווארפן די נישט גוטע מחשבות, און אויך "וישוב אל ה' וירחמהו".

פארוואס ווען עס איז געקומען צו רעדן פון "דרכו", פון די שלעכטע וועגן פונעם רשע, האט דער נביא נאר דערמאנט דעם "סור מרע" חלק פון "יעזוב רשע"? און ווען עס איז געקומען צו רעדן פון איבערלאזן די מחשבות, האט ער געזאגט ביידע וועגן, אויך "וישוב אל ה'", **לאז עס אפ און קום אהער?**

דער צווייטער דיוק איז אינעם קומענדיגן פסוק: "כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי". ער טוישט דעם לשון צווישן מחשבות און דרכים. פארוואס, זאגט ער? ביי מחשבה קודם "**מחשבותי**", דעם אייבערשטנ'ס מחשבות, און נאכדעם "**מחשבותיכם**", אבער ביי דרכים איז עס פארקערט. ער וואלט לכאורה געדארפט גיין מיט איין משקל: אדער זאל ער זאגן "לא **מחשבותיכם מחשבותי** ולא דרכיכם דרכי", אדער אזוי ווי ער זאגט יעצט "לא מחשבותי מחשבותיכם ולא **דרכי דרכיכם**".

נאר וואס דען, זאגט דער **תפארת עוזיאל**, דא ליגט ממש די בחינה. ווען עס קומט צו "פעולות" פון אן עבירה, לא עלינו, אפילו אויב מען גייט ליידיג און מען טוט פשוט 'נישט' קיין עבירה, איז מען שוין וואויל. ווי דער פסוק זאגט, "אף לא פעלו עולה", אפילו בלויז דאס וואס מען טוט נישט קיין עולה, הייסט עס שוין "בדרכיו הלכו". אבער ווען עס קומט צו "מחשבה", קען מען נישט זאגן אז אויב איך טראכט נישט קיין שלעכטע מחשבות בין איך שוין גוט אדער ריין אין מיינע מחשבות, ווייל עס איז נישט אזוי. א מחשבה רוהט דאך נישט קיין איין רגע; אויב מען טראכט נישט, און מען לייגט נישט אריין אן התאמצות אין קאפ צו טראכטן גוטע זאכן און טראכטן פונעם אייבערשטן, וועט די מחשבה פון זיך אליין לויפן, און דעמאלטס איז מען שוין נישט קיין בעל הבית וואו עס זאל לויפן. ביי מחשבות איז נאר דא איין וועג: **יא אנצופילן די מחשבה מיט גוטע זאכן.** דאס איז מורא'דיג מדויק: ווען עס קומט צו "**דרכיו**", צו א פעולה פון שלעכטס, זאגט דער נביא "**יעזוב רשע דרכו**" - הער אויף צו טון שלעכטס, און איך בין צופרידן. ווייל איינמאל דו הערסט אויף צו טון שלעכטס און דו טוסט מער נישט קיין עבירות, זענען דיינע פעולות שוין גוט. אבער ווען דו זאגסט אז דו זאלסט אפלאזן די מחשבות, בין איך נישט צופרידן. מען קען נישט "נאר" אפלאזן שלעכטע מחשבות, ווייל די מחשבה פליט פון זיך אליין און עס וועט באלד צוריקקומען עפעס וואס דו ביסט נישט קיין בעל הבית אויף דעם. דעריבער דארפסטו טון ביידע זאכן: איבערלאזן די שלעכטע מחשבות, און "**וישוב אל ה' וירחמהו**" - קום צוריק צום אייבערשטן, דאס הייסט **פול זיך אן מיט גוטע מחשבות.**

דאס אליינס איז "תנא והדר מפרש". נאכדעם קומט ישעיה הנביא און ער מסביר מער פונקטליך וואס עס איז טאקע דער חילוק צווישן 'מחשבות' און 'פעולות,' און דאס איז מורא'דיג מדויק, אינ'ם לשון הפסוק. ביי **מחשבות** זאגט דער אייבערשטער "**כי לא מחשבותי**" - אויב דו טראכטסט נישט "מיינע" מחשבות, אויב דו ביסט זיך נישט משתדל צו טראכטן פונעם אייבערשטן און פון תורה, דעמאלטס אין די רגע וואס מען טוט נישט קיין פעולה אויף "יא", איז עס שוין "**מחשבותיכם**", קומען שוין צו גיין 'ענקערע' מחשבות. און מען ווייסט נישט ווי ווייט די מחשבות וועלן אנקומען. דערפאר קען מען זיך נישט באגנוגענען מיט "נישט טראכטן ענקערע", נאר דו מוזט דוקא טראכטן "מיינע". מה שאין כן ביי 'פעולות' איז עס פארקערט: "**ולא דרכיכם**" - איינמאל דו טוסט נישט 'ענקערע' שלעכטע וועגן, דעמאלטס "**דרכי**" - ביסטו שוין אין 'מיינע' וועגן. ווייל ישב ולא עבר עבירה נחשב לו כאילו עשה מצוה". וויבאלד ביי מחשבות איז נישט גענוג צו זיין "לא מחשבותיכם" נאר עס מוז זיין "מחשבותי", ממילא דארף זיין "וישוב אל ה'". אבער ביי דרכים, אפילו נאר "לא דרכיכם" איז שוין פיין, עס איז שוין "בדרכיו הלכו" מיט דעם אליינס וואס מען טוט נישט קיין שלעכטס.

ממילא זענען דאס די געוואלדיגע יסודות פון אברהם אבינו: אריינצולייגן אין די מחשבות, **אלעמאל אנצופילן די מחשבות מיט תורה, קדושה און חידושי תורה** - זאכן וואס פארנעמען דעם קאפ. אזוי, מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, קען מען זיך פירן ווי עס דארף צו זיין מיט די ריכטיגע שמירת הקדושה.


להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593

פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7